# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויצא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 407

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### מעריב איז ווי א 'משכון'

**"וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ" (כח יא)**

אין איינס פון די חומש-רש"י שיעורים, האט דער רבי **בעל 'שפע חיים'** פון צאנז-קלויזענבורג געזאגט:

אין נאמען פון דער 'בעל שם טוב' ווערט געברענגט, אז איינער פארט פון איין פלאץ צו א צווייטע, זאל ער נישט דאווענען אינמיטן וועג נאר ער ווארטן ביז ער וועט אנקומען צו דער פלאץ וואו דארט טראכט ער נעכטיגן. די הנהגה איז פאר אים א סגולה און שמירה ער זאל אנקומען בשלום וואו ער דארף אנקומען. מען קען ברענגען א סמך צו אט די הנהגה פון אונזער פסוק: "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" - יעקב התפלל תפילת ערבית (ברכות כו ב), "וַיָּלֶן שָׁם" - אין דער פלאץ וואו ער האט גענעכטיגט.

עס ווערט דערציילט אז איינמאל ווען דער 'שפע חיים' האט באזוכט ביים וויזשניצער רבי'ן בעל 'אמרי חיים' אין בני ברק, האט דער גאסטגעבער אים מכבד געווען צו דאווענען מעריב אין זיין בית המדרש. אין אנהויב האט דער גאסט נישט געוואלט אננעמען די געבעט, זאגנדיג: "איך האב מקובל פון מיין פעטער דער 'דברי יחזקאל' פון שינאווא, אז מעריב האלט מען ווי א 'משכון' און מ'דאוונט עס נאר ווען מ'קומט אן צו דער פלאץ וואו מ'נעכטיגט, און מין פלאן איז דאך נעכטיגן די נאכט אין ירושלים...". אבער אין ענדע האט דער 'שפע חיים' אנגענומען די געבעט און האט דארט געדאוונט מעריב.

'הליכות חיים' סדר היום עמ' רצד; 'מאיר החיים' ח"ב עמ' תעו

### מקדימים זיין 'יראה' צו 'מורא'

**"וַיִּירָא וַיֹּאמַר מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם" (כח יז)**

רבי בנימין דער מגיד פון זאלאזיץ האט געזאגט:

עס זענען דא וואס זאגן ביים אריינגיין אין שול דעם פסוק: "מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה...", אבער נישט ווי יעקב אבינו וואס אויף אים איז געזאגט געווארן: "וַיִּירָא וַיֹּאמַר מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה", פילן זיי נישט קיין פארכט פון די קדושה פון די שול בעפאר זיי זאגן ארויס דער פסוק פון זייער מויל, און אויך נישט נאכן זאגן, ווייל זיי טראכטן אינגאנצן נישט פון די באדייט פון דער פסוק וואס זיי זאגן ארויס פון זייער מויל.

'תורי זהב'

### 'לחם' וואס איז ראוי 'לאכול' און 'בגד' וואס איז ראוי 'ללבוש'

**"אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ" (כח כ)**

ווענן וואס דארף יעקב ארויסזאגן: "לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ", אין דען דא א אנדערע תכלית פאר די ברויט אדער די קלייד?

האט ערקלערט **רבי חיים מרדכי גאטליב** דער מישקאלצער רב:

יעקב אבינו האט מדקדק געווען במצוות און האט נישט געגעסן א עסנווארג אדער א אנגעטון א מלבוש וואס אויף דעם איז דא עפעס א חשש איסור. און ווייל עס שטייט אין זוהר (וישלח קסט א) אז דער מענטש דארף ארויסזאגן קלאר זיין בקשה, האט ער געבעטן ער זאל האבן כשר'ע און מהודר'דיגע עסנווארג און קליידער, ער זאל קענען הנאה האבן פון דעם אן די מינדעסטע פראגע.

'יג"ל יעקב'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די צייט פון דאווענען איז פריער פון די באשטימטע צייט

עס זענען דא אזעלעכע וואס בארימען זיך מיט דעם וואס זיי קומען אן 'צייטליך' צום דאווענען. זיי קומען אן אין שול מיט זייער לעצטע אטעם ווען מ'הייבט שוין באלד אן, און זענען זיכער ביי זיך אז עס איז נישט פארהאן מער זריזות'דיגע פון זיי. אבער זיי פארגעסן אז די חכמים האבן באטאנט און געזאגט (פסחים ד א): "זריזין מקדימין למצוות" - 'זריז' איז איינער וואס קומט פריער, און נישט דער וואס קומט אין צייט.

קומען פריה צום דאווענען - מיינט פשוט צו זיין אין שול עטליכע מינוט פארן דאווענען. עטליכע מינוט ווען עס רעדט זיך פון דאווענען איז עס א געוואלדיגע צייט וואס אין דעם איז אנגעהאנגען דאס דאווענען זעלבסט, און ממילא איז עס אויך משפיע אויפן עס אננעמען אויבן.

און אין אמת'ן, יעדער וואס איז זוכה זיך צוגעוואוינען קומען פריה אין שול ארום צען מינוט פאר אנהויב דאווענען, וועט זען ווי ער באטראכט שטוינענד און וואונדער די וואס קומען אן 'פונקט' אין די צייט. אויף דעם קען מען זאגן בדרך מליצה די ברכה: "להבחין בין יום ובין לילה" - דער אונטערשייד צווישן א דאווענען פון איינער וואס קומט פארן דאווענען צו א דאווענען פון איינער וואס קומט 'אין צייט' איז דער אונטערשייד פון 'יום ולילה'.

יעדער ווייסט, ווען עס איז אים אפגעשמועסט א באגעגעניש מיט א חשובן פערזאן וועט ער נישט קומען פונקט צו די באשטימטע צייט. און אויב ביי א בשר ודם איז אזוי, איז דאך אוודאי אזוי ביים מלך מלכי המלכים... קומען פריה צום דאווענען איז א חוב פאר דער וואס גלייבט אז ביים דאווענען גייט ער רעדן מיטן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

מיר דארפן פארשטיין און אריינעמען אין אונז אז די דאווענען הייבט זיך אן צום ווייניגסטנס צען פארן 'אנהייבן דאווענען'. ווען א מענטש קומט אין צייט וואס מ'האט באשטימט צום דאווענען, האט ער שוין פארשפעטיגט.

א גוט שבת

יעקב דוד מרמורשטיין

# פינף אידן וואס האבן 'געלאנדעט' פון הימל

דער וואונדערליכער ערציילונג וואס פון דעם קענען מיר זיך לערנען אויף די וואונדערליכע השגחה פרטית וואס די וואס זענען זיך מוסר נפש צו מקיים זיין א מצוה פאר יעדן פרייז זענען זוכה, איז געשיקט געווארן צו אונז דורך דער בעל המעשה, הרה"ג.... שליט"א, איינער פון די ספעציעלע און חשובע מעמבער'ס פון 'בני אמונים' אין לאנד און דער וועלט. דא איז פארגעלייגט פאר אייך זיין בריוו:

"מיין טאטע עליו השלום איז נפטר געווארן העכער א יאר צוריק. אלץ א געטרייער זון צו זיין פאטער אין הימל, און ווי א קינד וואס איז מכבד זיין פאטער וואס זיין נשמה איז יעצט ארויף אין הימל, האב איך מקפיד געווען מיט מיין גאנצן כח אין לויף פון די עלעף חדשים נאך זיין פטירה נישט פארלירן אפילו איין תפילה פון דאווענען פארן עמוד, און אויך די טעג וואס דער אבל דאוונט נישט פארן עמוד, האב איך מקפיד געווען דאווענען יעדע תפילה בציבור, פון אנהויב ביז צו די ענדע, כדי צו זאגן די אלע קדישים לויט די הלכה. עס זאל נישט אויסקוקן אין ענקערע אויגן ווי א קלייניקייט, ווייל דאס איז געווען אין די תקופה פון די 'קאראנע' וואס די סדר אין אלע שולן זענען געווען פארדרייט, אבער מיטן אויבערשטנ'ס הילף, ביי די ענדע פון עלעף חדשים האב איך צופרידנערהייט געקענט לויבן השי"ת אז איך


אגם לונז'רי - אוסטריה

האב זוכה געווען נישט צו פארפעלן אפילו איין תפילה במנין לעילוי נשמת מיין פאטער זצ"ל.

אט די הנהגה איז פון מאל צו מאל אנגעקומען זייער שווער. אינמיטן די יאר האב איך זיך געטראפן נישט איינמאל גיין פון איין שול צו די צווייטע און זוכן א מנין צום דאווענען, אמאל האט עס אויך געקענט זיין אין די קליינע שעות פון די נאכט. איך פיל א פליכט צו פארצייכענען מיט א וואונדער אז ביים שפאצירן צווישן די שולן אויך אין נישט געווענליכע שעות, האב איך זוכה געווען צו זען אסאך אידן וואס זייער אויסערליכער אויסזען ווייזט ארויס א פרעמדקייט, אבער זייער פנימיות ברענט מיט אהבת הבורא יתברך. אזוי, אז אויך נאך א שווערע ארבעט'ס טאג, ווען זיי שטייען קוים אויף די פוס, גייען זיי ארום פון איין שול צום צווייטן צו קענען דאווענען מעריב מיט מנין.

ביי די ענדע פון די עלעף חדשים האב איך זייער געוואלט נישט פאלן פון אט די רוחניות'דיגע מדרגה וואס איך האב זוכה געווען זיך צו פירן, און וועגן דעם האב איך זיך מקבל געווען אז פון היינט און ווייטער וועל איך טון יעדע זאך אויף דער וועלט צו דאווענען יעדע תפילה, אין יעדן צייט און אין יעדן מצב, מיט א מנין. געווענליך קומט מיר נישט אן שווער די זאך, ווייל יעדן אינדערפריה שטיי איך אויף פריה צו דאווענען שחרית מיט מיין קביעות'דיגן מנין וואס ווי פארשטענדליך הייבט זיך עס אן מיט זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, און אויך מנחה און מעריב דאוון איך אין א קביעות'דיגן שול. און אויך אין פעלער וואס איז מוז טוישן מיין סדר היום, און איבערהויפט אין די טעג וואס איז דארף ארויספארן פון שטאט, קען איך זען אז מיינע תפילות זאלן זיין ווי עס דארף צו זיין און מיט א מנין, אין איינע פון די טויזנטער שולן וואס זענען צושפרייט אין ארץ הקודש.

דאס ערשטע מאל וואס די מציאות האט מיך געפאטשט אין פנים איז געווען ווען אין די בין הזמנים טעג האב איך צוליב געזונטהייט געדארפט ארויס פארן אויף דאטשע קיין עסטרייך; אויסער וואס ווי פארשטענדליך האב איך מקפיד געווען צו באשטעלן א צימער אין א אידישן האטעל 'כשר למהדרין' וואו דארט קומען פאר מנינים אויף אלע דריי תפילות, האב איך אויך געבעטן פונעם טרוועל-אגענט זאל מיר אויסשטעלן מיין רייזע אהין לויט די צייט וואס וועט ערמעגליכן איך זאל דאווענען שחרית מיט א מנין פארן זיך הייבן, און מנחה מיט א מנין נאכן לאנדען, און אזוי אויך אויף צוריק. אויך אין די אפרו-טעג האב איך יעדן טאג אכטונג געגעבן צוריק קומען אין האטעל צום וויניגסטנ'ס א האלבע שעה בעפאר האלב-אכט - די צייט וואס מ'האט געדאוונט מנחה אין שול - כדי איך זאל חלילה נישט דערלייגן א תפילה במנין.

אבער אין איין טאג, דערנאך וואס איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג מיט מיין געדונגענעם אויטא ארום פארן אין די געגנט, האב איך געבלאנדזשעט אויפן וועג צוריק און איך בין אריין אין א לאנגן טונעל - ארום צוואנציג קילאמעטער די לענג - וואס האט נישט א וועג אויף צוריק. ווען איך בין ענדליך ארויס פון איר האב איך זיך געטראפן אינגאנצן אין א אנדערער געגנט.

פאררעכטן דער גרייז האט מיך געקאסט א לאנגן און שווערן דריי וואס איך האב געמוזט מאכן צווישן די געדרייטע גאסן פון עסטרייך, ווען איך בין שוין אנגעקומען אין האטעל, האט מען שוין געהאלטן אינמיטן דאווענען מנחה. די געדאנק אז יעצט וועל איך דארפן דאווענען אן קיין מנין האט מיך צוגעברענגט גרויס צער, און צוליב דעם האב איך געטראכט צו מיר, אין דער געגנט איז די שקיעה שפעט, און ווייל עס איז נאך דא ארום א שעה ביז צו די שקיעה, וועל איך אביסלווארטן און ווער ווייסט, אפשר וועט אין ענדע זיך מאכן דא א מנין.

איך האב מיך אוועקגעשטעלט ביי די אריינגאנג פון די האטעל ווען איך פרעג פון יעדן איינעם וואס גייט אריבער אויב ער האט נאכנישט געדאוונט מנחה? די מערהייט פון די מענטשן האבן שוין געהאט געדאוונט, אבער צוביסלעך, נאך ארום א דריי-פערטל שעה, האב איך מצליח געווען צוזאמנעמען נאך פיר אידן וואס האבן נאכנישט געדאוונט.

איך האב געקוקט אויפן זייגער, עס איז געבליבן נאר ארום צוואנציג מינוט ביז צו די שקיעה און מיר זענען נאר א האלבע מנין. די איבעריגע געסט פון די האטעל האבן געגעסן נאכטמאל וואס מ'האט פאר זיי צוגעשטעלט אין די צייט. בדרך הטבע האבן דארט נישט געדארפט אנקומען נאך אידן, אבער איך האב נישט געוואלט נאכלאזן, איך האב געגלייבט מיט מיין גאנצן הארץ אין די ווערטער פון הקדוש ברוך הוא: 'פתחו לי פתח כפתחו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם', איך האב ווייטער געווארט ווען אין הארץ דאוון איך צו ה' איך זאל מצליח זיין און קענען דאווענען מיט א מנין אזוי ווי מיין ווילן איז.

און דעמאלטס איז ווי פון ערגעץ וואו אנגעקומען א קליינער טענדער וואס האט זיך אפגעשטעלט ביי די אריינגאנג פון די האטעל. דער טענדער האט געפירט איינער פון די אידישע קאך-ארבערטער. ענק האבן שוין געדאוונט מנחה - האב איך געפרעגט. ניין! איז געווען די ענטפער. 'וויפיל זענען ענק?' - האב איך ווייטער געפרעגט מיט א קורצע אטעם, 'פינף' - האט ער געענטפערט, און מיר אלע האבן אויסגעבראכן אין א הילכיגן פרייד. און נישט אומזינסט, מיר האבן קלאר געזען א הארת פנים פון הימל.

די פינף אידן וואס זענען אנגעקומען ווי פון הימל האבן אונז משלים געווען דער מנין, און אזוי האב איך זוכה געווען נישט פארלירן מיין קבלה מקפיד זיין אויף תפילה במנין.

באזונדער האט מיך איבערגענומען די באמערקונג פון איינער פון די אידן וואס האט געווארט צוזאמען מיט אונז: 'ריכטיג אז מיר פארשפעטיגן די נאכטמאל, אבער איך בעט, דאס זאל נישט צוברענגען מיר זאלן צואיילן דאס דאווענען, לאמיר דאווענען ווארט ביי ווארט ווי עס דארף צו זיין'. און אין מיין הארץ האב איך געטראכט: א תפילה וואס מיר האבן געווארט אויף דעם מיט אמונה כמעט א שעה - וויאזוי קענען מיר זיך יאגן?"

# ברכו אמוני

## א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'ישתבח'

### די מקור פון די ברכה

כאטש די ברכה 'ישתבח' וואס מיט דעם ענדיגט מען די 'פסוקי דזמרה' ווערט נישט דערמאנט אין גמרא, ווערט אבער געברענגט אין 'סידור חסידי אשכנז' (עמ' עה) אז די רבנן סבוראי האבן מתקן מ'זאל עס זאגן יעדן טאג, און אין טור (או"ח סי' נא) ברענגט ער אז די ברכה איז שוין דערמאנט געווארן אין ירושלמי [אבער אין אונזער גירסא אין ירושלמי טרעפן מיר נישט די ברכה, זעה הג' מהר"ץ חיות מגילה יב ב]. אויך דער זוהר הקדוש (תרומה קלב א) דערמאנט די ברכה, און רעדט פון איר אינהאלט און ערקלערט איר טיפן באדייט על פי תורת הנסתר.

### די געבוי פון די ברכה

תוספות (ברכות מו א ד"ה כל הברכות) שרייבט אז די ברכה הייבט זיך נישט אן מיט א 'ברוך' אזוי ווי אלע לאנגע ברכות, ווייל עס ווערט גערעכנט ווי א 'ברכה הסמוכה לחברתה', אקעגן די ברכה 'ברוך שאמר' וואס ווערט געזאגט פאר די פסוקי דזמרה, און די פסוקי דזמרה וואס זענען אינמיטן זענען נישט ווי א הפסק. אבער רבי אשר מלוניל האלט אז אויך די ברכה הייבט זיך מיט א 'ברוך', ווייל איר ערשטער טייל, פון 'ישתבח' ביז 'ברוך' איז נאר ווי א הקדמה אויף די ברכה, "וואס ענדיגט דער לויב פון השי"ת וואס מ'האט אים אנגעהויבן לויבן ביי די פסוקי דזמרה, דעריבער זאגט מען ברוך נאר שפעטער" (ספר המנהגות דף ד א).

### די באדייט פון די ברכה

די ברכה האט מען מתקן געווען ווי א נאך-ברכה אויף די 'פסוקי דזמרה', אזוי ווי די ברכה נאכן זאגן הלל ('ארחות חיים' שם כא).

די ברכה הייבט זיך אן מיט די ווערטער "ישתבח שמך", ווייל די 'פסוקי דזמרה' ענדיגן זיך מיטן פסוק (זכריה יד ט): "ביום ההוא יהיה ה' אחד **ושמו אחד**", רופן מיר אויס אז זיין נאמען זאל זיין געלויבט אויף אייביג. נאכדעם ווערט דא דערמאנט פופצן לשונות פון שבח - פון "שיר ושבחה", ביז "ברכות והודאות", אקעגן די פופצן ווערטער פון ברכת כהנים און אקעגן די פופצן קאפיטלעך 'שיר המעלות' ('פירוש סידור התפילה לרוקח' ח"א עמ' רלג).

אבער אין זוהר הקדוש (תרומה קלב א) שטייט אז אין ישתבח זענען דא דרייצן שבחים אקעגן די י"ג מידות של רחמים, ווייל די ווערטער "ברכות והודאות" רעכנט ער אין די ברכה, און נישט צווישן די אנדערע שבחים.

נאך שרייבט דער רוקח (שם) אז אין די ברכה זענען פאראן נ"ג ווערטער אקעגן די נ"ג פרשיות פון די תורה, וועגן דעם דער וואס זאגט עס מיט כוונה - "כאילו קיים חמשה חומשי תורה".

### ווער האט פארפאסט די ברכה?

אין דער טאג וואס שלמה המלך האט זיך געזעצט אויף זיין פראכטפולן בענקל "אשר לא נעשה כן לכל ממלכות" (מלכים -א י כ), זענען אלע אידן געקומען עס זען. ווען די אידן האבן געזען זיין אויסערגעוועהנליכן שיינקייט האבן זיי אנגעהויבן באשיינען און לויבן די קלוגשאפט פונעם קעניג. ווען שלמה המלך האט עס געהערט האט ער זיי געזאגט: וויאזוי פאלט פאר ענק איין אז מ'דארף מיך לויבן אויפן בויען די בענקל, נאר הקב"ה וואס געבט פארן מענטש פארשטאנד אים דארף מען לויבן. דעמאלטס האט שלמה פארפאסט די ברכה ישתבח, און האט אויך מרמז געווען זיין נאמען אין אנהויב די ברכה, וויל די ראשי תיבות פון: "שמך לעד מלכינו הא-ל" זענען 'שלמה'. ('פירוש סידור התפילה לרוקח' שם).

נאך א דעה אין דער ענין ברענגט רבי יחיא צאלח פון די חכמי תימן, אז 'משה רבינו' איז דער וואס האט מחבר געווען די ברכה. אין דער צייט וואס פרעה האט מבזה געווען כבוד שמים און געזאגט (שמות ה ב): "מי ה' אשר אשמע בקלו", האט משה באלד געזאגט "ישתבח שמך לעד...". און ווייל די ברכה האט מען מתקן געווען אנטקעגן די שאנד ווערטער פון פרעה וואס האבן זיך אנגעהויבן מיט די ווארט "מי", האט ער דאס מרמז געווען אין נוסח הברכה, ווייל ווען מיר וועלן צוזאמשטעלן די אותיות פון די אנהויב ['ישתבח'] און די ענדע ['עולמים'] פון די ברכה, וועט פון דעם ווערן די ווארט "מי" ('עץ חיים' ברכת ישתבח).

### די כוונה פון אמן

'אמן' - עס איז אמת אז נאר דעם אויבערשטן אליין דארף מען לויבן און דאנקען און איך גלייב אין דעם.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

## מעריב איז משלים צו די מאה ברכות

**"וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ" (כח יא)**

"'ויפגע'... ורבותינו (ברכות כו ב) פירשו לשון תפלה... למדנו שתקן תפלת ערבית" (רש"י).

די חכמים קריגן זיך (ברכות כז ב) איבער תפילת ערבית - צי עס איז א חובה אזוי ווי די אנדערע תפילות, אדער לכתחילה האט מען עס מתקן געווען ווי א תפילת רשות. דער רמב"ם (תפילה א ו; ט ט) פסק'נט ווי דער וואס האלט תפילת ערבית רשות, און שרייבט אז וועגן דעם זאגט נישט איבער דער שליח ציבור הויעך די שמו"ע. אבער ער פירט אויס, כאטש אז מעיקר הדין איז 'תפילת ערבית רשות', האבן עס כלל ישראל אנגענומען אויף זיך ווי א חוב.

וואונדערט זיך דער '**כלבו**' (סי' ח): אפילו אויב תפילת ערבית איז רשות, אבער וויבאלד מעריב איז א טייל פון די מאה ברכות וואס דער מענטש איז מחויב זאגן יעדן טאג (ראה רמב"ם שם ז יד), אויב אזוי איז דאך דא א חוב צו דאווענען מעריב אלץ דער דין פון 'מאה ברכות'?

ערקלערט רבי יוסף ענגיל: די סומע פון מאה ברכות קען דער מענטש משלים זיין דורך אנדערע ברכות, אזוי ווי ברכות הנהנין. וועגן דעם איז מעריב נישט קיין חוב אויך נישט צוליב די חוב פון זאגן מאה ברכות. אבער דער וואס וועט נישט אנפילן די צאל פון די מאה ברכות אן צו דאווענען מעריב, דארף דאווענען מעריב ער זאל צוקומען צו די צאל פון מאה ברכות, אבער אין אזא פאל איז דער חיוב נאר צוליב הלכות ברכות, און נישט מצד הלכות תפילה. ('גליוני הש"ס' ברכות כז ב).

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# שחר אבקשך

### פערל ווערטער
### אויף די גרויסע מעלה פון השכמת הבוקר

## יעדע תפילה – א אוידיענץ ביים קעניג

**רבי שלמה זלמן אויערבאך** פלעגט צו זאגן אז דער מענטש דארף קומען אין שול צען מינוט פארן דאווענען, און האט ערקלערט: קיין מענטש וועט זיך נישט דערוואגן אנקומען די לעצטע מינוט צו א אוידיענץ וואס איז אים אפגעשמועסט געווארן מיטן קעניג, און זיכער נישט שפעטיגן, קל וחומר פארן מלך מלכי המלכים. דער מענטש וואס קומט פריה צום דאווענען, ברענגט אריין אין זיין הארץ די געפיל אז יעדע תפילה וואס ער דאוונט איז פונקט ווי א אוידיענץ ביים מלך מלכי המלכים ('שלמי שמחה' ח"א עמ' רכא).

## די וואס קומען פריה – זענען נענטער

עס איז באקאנט אז זיך באטייליגן ביי א שמחה פון א צווייטן איז געוואנדן לויט די נאטשאפט וואס ער האט מיטן בעל שמחה. די נענטערע פאמיליע מיטגלידער קומען פריה און גייען אוועק שפעט, די מער ווייטערע קומען שפעט און גייען אוועק פריה. אויך די נאנטשאפט פון דער מענטש צו זיין באשעפער ווערט געמאסטן לויט די צייט פון זיין קומען צום דאווענען; ווי מער דער מענטש קומט פריה און גייט שפעט ווייזט ער ווי שטארק איז ער נאנט און צוגעבינדן צו זיין באשעפער ('יתגבר כארי' פרק ט אות ה).

## קומען פריה פארבינדט דעם מענטש צו די דאווענען

**רבי בנימין ראבינאוויטץ** פון די ירושלים'ער דיינים איז געווען געוואוינט צו זאגן:

ווען מ'קומט אן צום דאווענען 'פונקט אין צייט', איז נישט מעגליך אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין. נאר דער וואס קומט אן עטליכע מינוט פארן אנהייב דאווענען, און דורך דעם גרייט ער זיך ווי עס דארף צו זיין, קען שפירן א קשר און פארבינדונג, און דורך דעם דאווענען מיט די ריכטיגע כוונה ('טיב התורה' קדושים).

# אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים' שלום וברכה**

איך בין א איינוואויענער אין איינע פון די שטעט וואס צו מיין ווייטאג ווערט דארט נישט פארשפרייט ענקער וואונדערליכן בלעטל, אבער פון עטליכע יארן צוריק וואס איך האב זוכה געווען עס צו לייענען צום ערשטן מאל, טוה איך אלעס כדי עס צו האבן און לייענען יעדע וואך. איך לייג אוועק די אלע גליונות וואס ענק האבן ארויסגעגעבן אין די לעצטערע יארן, פון מאל צו מאל קוק איך אריין אין זיי, און אויך איינער פון מיינע שכנים, א דערהויבענער מחנך, בעט זיי פון מיר פון מאל צו מאל, כדי ער זאל פון דארט קענען ארויסנעמען אינטערעסאנטע מאטעריאל און איבערגעבן פאר זיינע תלמידים.

איך ווער ספיצעל איבערגענומען פון ענקער וואונדערליכע התחדשות; עס איז מערקווירדיג צו זען וויאזוי אלע ארטיקלען זענען געשריבן יעדע וואך מיט א רייכן און ציענד אינהאלט. ווי א קוואל פון אמונה וואס שטארקט זיך און טרינקט אן די דארשטיגע לייגער מיט זיינע זיסע וואסערן.

באזונדער וויל איך ארויסברענגען מיינע געפילן פון דעם וואונדערליכן ארטיקל 'תענה אמונים' וואס איך בין מקפיד עס לערנען און איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל. אין ענקער זכות בין איך זוכה זאגן די ברכות השחר מיט 'בני אמונים' - מיט א חברותא, און איך דאוון מיט 'תענה אמונים' - מיט די ריכטיגע כוונה, און איך בין זיכער אז יעדער וואס וועט לערנען דעם ארטיקל, וועט ביי אים מקויים ווערן 'תענה אמונים' און זיינע תפילות וועלן אנגענומען ווערן.

ווייל אין ענקער זכות האב איך אנגעהויבן צו ווערן מער 'צוגעבינדן' צו די ווערטער פון דאווענען, האב איך געטראכט אז עס איז פאסיג ענק מיטטיילן מיט א געדאנק וואס איז מיר ארויפגעקומען אויפן געדאנק ביים זאגן די תפילה 'יהי רצון' נאך די ברכות השחר: מיר בעטן: "ותתננו לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואינו"; וואס איז דער ענין צו בעטן מיר זאלן געפונען חן אין די אויגן פון די ארומיגע?

בדרך מליצה האב איך געטראכט עס ערקלערן לויט וואס איך האב אמאל געליינט אין ענקער בלעטל אז די ראשי תיבות פון דער פסוק (בראשית יח ג): "אם נא מצאתי חן בעיניך" איז 'אמן', וועגן דעם בעטן מיר ביי די ברכות השחר אז אין יעדע פלאץ וואו מיר וועלן דאווענען זאלן מיר געפונען חן אין די ארומיגע וואס זאלן מיטטיילן מיט אונז ביים זאגן די ברכות - סיי ענטפערן אמן נאך אונזערע ברכות, און אויך מיר זאלן ענטפערן אמן נאך זייערע ברכות.

מיט גרויס שעצונג
**י.כ. - בני ברק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס (להכניס את המייל של וכל מאמינים)

# צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



## דער 'שפתי צדיק'

### י כסליו תרפ"א

האדמו"ר רבי פנחס מנחם אלעזר ב"ר בנימין אליעזר יוסטמאן, איז געווען א איניקל פון 'חידושי הרי"מ', און פון אים האט ער מקבל געווען זיין עיקר תורה. נאך די פטירה פון 'שפת אמת' האט ער אויפגעשטעלט זיין הויף אין די פולישע שטעטל פילץ. נאך די ערשטע וועלט'ס קריג האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין טשענסטחויב, און דארט איז ער באערדיגט געווארן. ער איז באקאנט מיט זיין ספר 'שפתי צדיק' על התורה. נאך א גרויסער חיבור וואס ער האט געשריבן אויף ש"ס איז פארלוירן געווארן אין די קריג.

## "ובשפתי צדיקים תתברך"

"די ברכות השחר האט דער בעל 'שפתי צדיק' מקפיד געווען צו זאגן אויפן קול ווען ער שטייט אויף די פיס, פאר איינער וואס האט זיך גוט צוגעהערט און האט געענטפערט אמן אויף יעדע ברכה. נאכדעם האבן אלע מתפללים פון זיין מנין זיך געדארפט שטעלן פאר אים און זאגן הויעך די ברכות, און דער רבי האט געענטפערט 'אמן' נאך זיי" בדחילו ורחימו" (פון זיין ספר תולדות וואס וועט ערשיינען בקרוב).